# דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

בא

מכון באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

ענגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1660 45th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
© 2023 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## בא

ולמען תספר - אונזער עבודה איז צו גלייבן אַז אַלעס איז צום גוטן ........................................ ב
וגם מקנינו ילך - אונזער טאַטע אין הימל גליסט אַז מיר זאָלן אייביג טראַכטן וועגן איהם .................... ח
וישאלו איש מאת רעהו - רחמנות האָבן און טוהן חסד מיט אַנדערע מענטשן ................................... יג

סדר ועימוד:
**א.י.ש. אשדוד**
shwrtz@bezeqint.net

# בא

**ולמען תספר - אונזער עבודה איז צו גלייבן אַז אַלעס איז צום גוטן**

**ויאמר** ה' אל משה בא אל פרעה, כי אני הכבדתי את לבו ואת לב עבדיו, למען שתי אותותי אלה בקרבו, ולמען תספר באזני בנך ובן בנך את אשר התעללתי במצרים (י, א-ב). זאָגט רש"י: 'התעללתי - שיחקתי'. איך האָב געלאַכט פון פרעה און די מצריים.

**פרעגט** דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע ('תורת משה', פרשתינו, ד"ה 'אשר התעללתי'), ווען די אידן זענען געווען פאַרקנעכטעט צו פרעה הרשע אין מצרים, האָבן זיי געקענט פרעגן פאַרוואָס האָט עס פאַסירט דווקא מיט זיי, דאָס פאָלק פונעם באַשעפער, אַז זיי דאַרפן זיין אונטערטעניג און אַרבעטן שווער פאַר די מצריים, אויף אַן אופן וואָס האָט אויסגעזעהן אַז זיי און זייערע קינדער וועלן חלילה פאַרבלייבן אייביג אונטערטעניג צו פרעה אין מצרים? (ספּעציעל אַז פרעה האָט געשטאַמט פון כנען, וועלכער איז געשאָלטן געוואָרן צוליב דעם חטא פון חם בן נח, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ט, כה-כו) 'ויאמר ארור כנען.. ויהי כנען עבד למו'. אויב אַזוי, ווי אַזוי האָט עס פאַסירט אַז די קינדער פון חם זאָלן גאָר משעבד זיין און מאַכן אַרבעטן שווער די קינדער פון שם?)

**אויך** דאַרף מען פאַרשטיין, דאָס ענין וואָס דאָס גאַנצע געלט, גאָלד און זילבער אויף דער וועלט, איז אָנגעקומען קיין מצרים אין די הונגער יאָרן, ווען מ'איז געקומען פון אַלע עקן וועלט קיין מצרים, צו קויפן עסן. ווי קומט דאָס אַז פונקט די מצריים זאָלן באַקומען דאס גאַנצע געלט פון די וועלט? ס'איז דאָך אַ בחינה פון 'שפחה כי תירש גבירתה' - אַ דינסט פאַרנעמט דאָס אָרט פון איר האַר.

**למעשה**, אָבער, ווען די אידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דער אויבערשטער האָט געמאַכט פון די מצריים אַ 'געלעכטער'. זיי האָבן געמיינט אַז זיי גרייטן פאַר זיך אַ גרויס רייכטום, אָבער דער תכלית פון דעם איז דאָך געווען אַז דאָס גאַנצע רייכטום זאָל שפּעטער אָנקומען אין די הענט פון די אידן, כדי עס זאָל מקוים ווערן דער צוזאָג פון דעם אויבערשטען (בראשית טו, יד) 'ואחרי כן יצאו ברכוש גדול'. צוליב דעם זענען די אידן געגאַנגען קיין מצרים און האָבן דאָרט געאַרבעט שווער, כדי אַז ווען דער שיעבוד וועט זיך ענדיגן, זאָלן זיי אַרויסגיין מיט אַ גרויסן פאַרמעגן, און מצרים זאָל ווערן ליידיג, ווי אַ נעץ אָן פיש (ברכות ט:).

**קומט** אויס, אַז דער גאַנצער הסתר פנים וואָס די אידן זענען געווען אַזוי משועבד צו פרעה אין מצרים, איז נאָר געווען פאַר זייער אייגענע טובה.

**דאָס** איז דער תכלית פון סיפור יציאת מצרים: אידן זאָלן זעהן ווי דער אויבערשטער האָט 'געלאַכט' פון די מצריים, ווייל דער הונגער און די זעטיגקייט און דער שעבוד, האָט אַלעס צוזאַמען, געדויערט 320 יאָר, וואָס אַזוי איז אויסגעקומען אַז אַסאַך אידן האָבן נישט געזעהן די טובה דערפון, נאָר זיי זענען געבוירן געוואָרן און אַפילו געשטאָרבן שוין אין די שווערע צייטן פון גלות מצרים. אָבער דער וואָס גלייבט, ווייסט אַז דער אויבערשטער איז 'היה הוה ויהיה', ער טוט אַלעס מיט אַ חשבון. ווען דעם דאַרף מען דערציילן די ניסים פון יציאת מצרים, כדי דורך דעם זאָל די ריינע אמונה איינגעוואָרצלט ווערן אין אידישע הערצער פאַר אַלע דורות, אַז ביי יעדן נסיון און הסתרה זאָל מען וויסן קלאָר אַז דער אויבערשטער פירט אַלעס פאַר די טובה פונעם מענטש. נאָר בשעת מעשה איז דער מענטש נישט אימשטאַנד צו פאַרשטיין די וועגן פון די השגחה העליונה[א]. די עבודה פון אַ איד איז צו גלייבן אַז אַלעס

**א.** דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק, האָט אַמאָל גערעדט מיט זיינע תלמידים וועגן דעם ענין פון השגחה פּרטית. וועלנדיג אַרויסברענגען ווי ווייט עס דערגרייכט די השגחה פרטית פון באַשעפער, האָט דער רבי ר' אלימלך געזאָגט, אַז השגחה פרטית איז אַזוי גרויס, אַז אַפילו אין דער צייט ווען אַ קו גייט זיך אויף דער גאַס, און וואַרפט אַרויס מיסט פון איר קערפער, איז דאָ אַ פונקטליכע השגחה אויף וועלכן אָרט זי זאָל אַרויסוואַרפן דאָס מיסט.

איינע פון די תלמידים, האָט זיך זייער שטאַרק געוואונדערט אויף די ווערטער פון רבי'ן ר' אלימלך. ער האָט נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי איז שייך אַז אויך אַזאַ מידערוויכטיגע און מיאוס'ע זאַך ווי מיסט, זאָל האָבן אַ השגחה פּרטית פון הימל, און אַז ס'איז נישט בלויז אַ צופאַל.

עטליכע טעג שפּעטער, איז דער תלמיד געגאַנגען אויפ'ן גאַס און איז געפאַלן אויף דער ערד, צוליב דעם שניי און גליטש וואָס איז געווען אינדרויסן. פלוצלינג האָט ער זיך געפונען אַראָפּפאַלנדיג אויף אַ שיפן אָרט, און האָט זיך אַראָפּגעקאַלערט פון אַ באַרג, כמעט ביז'ן תהום. ווען ער האָט שוין געהאַלטן כמעט אונטן, האָט זיך פוס זיך אָנגעשטויסן אין אַ געוויסע האַרטע זאַך, און אַזוי איז זיין לעבן געראַטעוועט געוואָרן. וועלנדיג זעהן וואָס עס האָט איהם צוריקגעהאַלטן פון אַראָפּפאַלן, האָט ער געזעהן אַז דאָס איז אַ... שטיקל מיסט פון אַ בהמה, וואָס איז פאַרפרוירן געוואָרן אין די קעלט. דאַן האָט דער תלמיד פאַרשטאַנען ווי ווייט דער אויבערשטער האַלט זיין השגחה פרטית אויך אויף די מיסט פון אַ בהמה, אַז עס זאָל אָנקומען צו איר ריכטיגן אָרט.

איז דער תלמיד שנעל צוריקגעגאַנגען צום רבי'ן ר' אלימלך. ווען ער איז אַריינגעקומען, האָט דער רבי ר' אלימלך איהם געפרעגט:

- נו, יעצט זעהסטו שוין ווי ווייט ס'דערגרייכט די השגחה פרטית?...

דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט אַמאָל געשמועסט מיט הרה"ק בעל 'תולדות יעקב יוסף' זי"ע (איידער דער 'תולדות' איז דערנענטערט געוואָרן צום בעל שם טוב און זיין דרך) וועגן דעם ענין פון אמונה אין השגחה פרטית. דער בעל שם טוב האָט איהם געזאָגט, אַז יעדע זאַך אויף דער וועלט האָט אַ ספּעציעלע השגחה פון הימל וואו עס דאַרף זיין, און וואו עס דאַרף רוהען. צווישן אַנדערע, האָט דער בעל שם טוב געזאָגט פאַר'ן 'תולדות', אַז יעדע זאַך וואָס פּאַסירט מיט'ן מענטש, קומט נישט פאַר חלילה פון זיך אַליין, נאָר דער אויבערשטער 'רעדט' צום מענטש, און ער וויל איהם עפּעס מרמז זיין.

שמועסנדיג אַזוי, איז אַדורכגעגאַנגען אַ גוי וואָס פלעגט פאַררעכטן כלים, און געפרעגט דעם בעל שם טוב אויב ער האָט עפּעס צו פאַררעכטן. האָט דער בעל שם טוב איהם געענטפערט אַז ניין. האָט דער גוי איהם געזאָגט ער זאָל ווייטער זוכן. האָט דער בעל שם טוב ווידער געזאָגט אַז ער האָט נישט אַ כלי וואָס דאַרף האָבן אַ תיקון. דער גוי האָט אָבער ווידער געזאָגט צום בעל שם טוב:

- ישראל'יק, ישראל'יק, אויב דו וועסט גוט זוכן, וועסטו טרעפן...

האָט דער בעל שם טוב געזאָגט צום 'תולדות':

- נו, איר האָט געהערט דעם 'בת קול' וואָס דער אויבערשטער האָט אונז געלאָזט הערן, פון דעם גוי'ס מויל?! אויב איר וועט גוט נאָכקוקן, וועט איר זעהן אַז ס'איז דאָ וואָס צו פאַררעכטן... און וויסן זאָלט איר, אַז אפילו ווען אַ גוי רעדט צו אייך, איז אויך דאָ אין דעם אַ רוף פון הימל, אַזוי ווי עס האָט פּאַסירט מיט אונז, אַז מ'האָט מיך געוואָלט מעורר זיין פון הימל אַז אויך ווען עס דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז ער נויטיגט זיך נישט אין קיין 'תיקון', אָבער אויב ער וועט גוט אַריינקוקן אין די טיפענישן פון זיין נשמה, וועט ער שוין געפינען גענוג זאַכן וואָס ער דאַרף פאַררעכטן...

דער 'תולדות' האָט לכתחילה נישט געוואָלט אָננעמען די רייד פונעם בעל שם טוב, און האָט זיך געוואונדערט, צי עס איז טאַקע דאָ השגחה פרטית אויך אויף די ווערטע פון אַ גוי, אַז ער זאָל זאָגן זיינע ווערטער אין דער צייט און אין דעם אָרט וואו מ'דאַרף עס הערן. ער האָט אַלזאָ געזאָגט דעם בעל שם טוב, אַז ער קען נישט אָננעמען זיינע ווערטער. האָט דער בעל שם טוב געזאָגט פאַר דעם 'תולדות': 'זאָגט נישט 'איך קען נישט', נאָר 'איך וויל נישט'...'.

אַלזאָ, דער 'תולדות' האָט פאַרלאָזט דאָס הויז פונעם בעל שם טוב. גייענדיג אויף דער גאַס, האָט ער באַמערקט אַ גוי'אישן בעל עגלה, ווי ער פירט אַ וואָגן פול מיט שטרוי. דער וואָגן האָט זיך איבערגעדרייט, און דער גאַנצער היי און שטרוי האָט זיך אויסגעשיט אויף דער ערד. האָט דער בעל עגלה געבעטן דעם 'תולדות', איהם צו העלפן אויפהייבן דעם וואָגן מיט'ן שטרוי. דער 'תולדות' איז אָבער געווען פאַרטיפט אין זיינע הייליגע געדאַנקען, און נישט האָבנדיג צייט, האָט ער זיך אַרויסגעדרייט פון דעם גוי'אישן בעל עגלה, מיט די טענה אַז ער קען עס נישט טוהן, ס'איז איהם צו-שווער... האָט דער בעל עגלה געזאָגט צום 'תולדות':

- זאָג נישט, איך קען נישט... זאָג, איך וויל נישט... אויב דו וועסט וועלן, וועסטו קענען!...

איז צום גוטן[ב], און האָפן אויף די חסדים פון דעם אויבערשטן ברוך הוא[ג].

לויט דעם, טייטשט דער 'חתם סופר', דעם פסוק אין תהלים (קו, ו-ז), 'חטאנו עם אבותינו העווינו

---

די ווערטער פונעם גוי'אישן בעל עגלה, האָבן גוט 'אַרייַנגעדרינגען' אין האַרץ און אינעם מח פונעם 'תולדות', וועלכער האָט אייַנגעזעהן די גערעכטיגקייט פון די ווערטער פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, ווען ער זאָגט אַז עס איז נישט דאָ אַ זאַך אויף דער וועלט וואָס האָט נישט אַ פונקטליכע 'השגחה פרטית', און אַז דער גוי האָט איהם געזאָגט זיינע ווערטער פון הימל, איהם צו ווייזן ווי ווייט עס דערגרייכט דעם אויבערשטען'ס 'השגחה פרטית'. דער 'תולדות' איז צוריקגעגאַנגען צום בעל שם טוב, און איז געוואָרן פון זיינע גרויסע תלמידים.

**ב.** דער מענטש דאַרף וויסן אַז יעדער ריר מיט'ן פינגער, און יעדער צער ח"ו איז לטובה פון דעם מענטש. עס גייט נישט פאַרלוירן אַפילו אַ טראָפּן דערפון.

דער 'אַלטער' זצ"ל פון קעלם, האָט געזאָגט אַ טעם פאַרוואָס די בכורים האָבן זוכה געווען צו די קדושה פון בכורה, וויַיל ווען דער אויבערשטער האָט אומגעברענגט די מצריי'שע בכורים, האָבן דאָך די אידישע בכורים געהאַט גרויס צער, מורא האָבנדיג אַז די גזירה איז אויך אויף זיי ח"ו. וועגן דעם האָבן זיי זוכה געווען שפּעטער צו די קדושה פון בכורה. ווען מ'איז זיך אָבער מתבונן זעהט מען, אַז נישט נאָר די בכורים האָבן געציטערט, נאָר יעדער אידישער יחיד האָט געציטערט ביי די אַנדערע מכות, און אויך די אידן האָבן טאַקע זוכה געווען צו קדושה, ווי דער פּסוק זאָגט (ירמיה ב, ג) קודש ישראל לה', אָבער פונדעסטוועגן, וויבאַלד די בכורים האָבן געהאַט 'מער צער', האָבן זיי זוכה געווען צו אַ גרעסערע קדושה.

מיר האָבן געהערט נאָכזאָגן אין נאָמען פון דעם גאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל, אויפ'ן פּסוק (שמות כד, י) 'ותחת רגליו כמעשה לבנת הספיר', ברענגט רש"י אין נאָמען פון חז"ל אַז דער 'לבנת הספיר' איז אַנטקעגן די ציגל ביי וועלכע די אידן האָבן שווער געאַרבעט אין מצרים, און דורך דעם האָט דער אויבערשטער געדענקט די צרות וואָס די אידן האָבן געליטן, ווען זיי האָבן שווער געאַרבעט ביים מאַכן די ציגל (זעה סוף פרשת שמות).

פרעגט רבי שלמה קלוגער, דער 'ספּיר' איז דאָך אַ טייערער שטיין. אויב אַזוי, וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס געהאַט מיט די ציגל וואָס ווייזן אויף די שווערע אַרבעט פון די אידן?

איז דער תירוץ, וויַיל יעדע שוועריגקייט וואָס אַ איד ליידט אויף דער וועלט, האָט אַ גרויסע חשיבות אין הימל. די דאָזיגע 'ציגל' שיינען מיט אַ גרויסן שיין, אַזוי ווי דער 'לבנת הספיר', וואָס שיינט גאָר ווייט...

**ג.** הרה"ק רבי משה לייב סאַסוב'ער זי"ע, האָט דערציילט אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט ביי איהם: אַמאָל ווען דער רבי ר' משה לייב איז געגאַנגען אין אַ וואַלד, זענען אַ באַנדע מערדערישע רויבער איהם באַפאַלן, און איהם געוואָלט אומברענגען רח"ל. פּלוצלינג איז אָנגעקומען דער הויפּט פון דער באַנדע, וועלכער האָט גוט געקענט דעם רבי'ן ר' משה לייב, פון די פריערדיגע יאָרן, ווען ער פלעגט כסדר אַריינקומען אין הויז פון רבי משה לייב סאַסוב'ער, וואָס איז געווען באַקאַנט אַלס אַ 'בית פתוח לרווחה', פאַר יעדן איינעם.

זעהענדיג דעם רבי'ן ר' משה לייב, האָט דער הויפּט רויבער איהם געזאָגט: באמת, קען איך דיך נישט הרג'ענען (צוליב די טובות וואָס איך האָב געהאַט פון דיר). איך וועל דיך אָבער פירן צו אַ געהיימע דירה, וואו מיין זון געפינט זיך, און איך וויל אַז דו זאָלסט לערנען מיט איהם תורה. רבי משה לייב האָט זיך געזעצט לערנען מיט'ן יונגל, אָבער ליידער איז דער קאָפּ פונעם קינד געווען פאַרשטאָפּט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען אַפילו אַ האַלבע וואָרט פון דעם וואָס מ'האָט מיט איהם געלערנט.

יעדע נאַכט ווען דער קינד'ס טאַטע, דער הויפּט פון דער רויבער, איז אַהיימגעקומען, האָט ער פאַרהערט דאָס יונגל, און זעהענדיג אַז ער האָט גאָרנישט אויפגעכאַפּט פונעם לערנען, האָט דער פאָטער יעדע נאַכט דערלאַנגט פאַר'ן קינד שרעקליכע קלעפּ, אָבער דאָס קינד האָט נישט אַרויסגעלאָזט אַפילו אַ קרעכץ.

עטליכע וואָכן שפּעטער, איז רבי משה לייב באַפרייט געוואָרן, און דער רויבער האָט מיטגעשיקט מיט איהם זיין קינד, ער זאָל איהם ווייזן וואו עס געפינט זיך אַ ישוב. גייענדיג מיט'ן יונגל, האָט דער רבי ר' משה לייב געפרעגט דאָס יונגל, ווי אַזוי ער האָט זיך געקענט האַלטן פעסט און שווייגן ווען זיין טאַטע האָט איהם אַזוי מערדערליך געשלאָגן? האָט דאָס קינד געענטפערט:

הרשענו', אבותינו במצרים לא השכילו נפלאותיך ולא זכרו את רוב חסדיך, וימרו על ים בים סוף'. 'חטא' איז אַן עבירה בשוגג, און 'עון' איז במזיד (יומא לו:). ווען אונזערע עלטערן האָבן געליטן אין גלות מצרים, איז אפילו אויב עס איז פאַר זיי שווער געווען צו פאַרשטיין פאַרוואָס דער אויבערשטער פירט זיך אַזוי מיט זיי, איז עס אָבער נאָר געווען אַ בחינה פון 'חטאנו' (אַ 'חטא' בשוגג), ווייל זיי האָבן דאָך נאָך נישט געזעהן ווי אַלעס איז אַ 'הכנה' פאַר זייער טובה. אָבער מיר, אויב אונזער אמונה איז חלילה שוואַך, אין צייט פון אַ הסתר, איז עס נישט אַ שוגג, נאָר 'העווינו, הרשענו' - במזיד.

**דאָס** איז דערפאַר, ווייל 'אבותינו במצרים לא השכילו נפלאותיך'. ווען אונזערע עלטערן האָבן געליטן אין גלות מצרים, האָבן זיי נאָך נישט פאַרשטאַנען די וואונדער פון דעם אויבערשטען. זיי האָבן נאָך דעמאָלס נישט געזעהן מיט זייערע אויגן ווי טיף עס זענען די וועגן פון דעם באַשעפער, אַז צום סוף וועלן זיי אויסגעלייזט ווערן פון דאַרט, און אַרויסגיין מיט זייער גאַנצן פאַרמעגן - ביזת מצרים. וועגן דעם, 'וימרו על ים בים סוף' - האָבן זיי ווידערגעשפעניגט קעגן דעם אויבערשטען כביכול ביים ים סוף, אָבער די דורות נאָך זיי, וואָס האָבן שוין געזעהן די גרויסע ניסים וואָס דער אויבערשטער האָט באַוויזן פאַר זייערע עלטערן אין מצרים, דאַרפן דאָך יאָ פאַרשטיין אַז יעדע שוועריגקייט איז נאָר אַ צוגרייטונג פאַר די פילע טובות וואָס וועלן שפעטער קומען, ממילא, איז נישט דאָ אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן.

**די** גמרא אין מסכת' שבת (קמז:) דערציילט, אַז רבי אלעזר בן ערך איז געקומען אין אַ שטאָט, און איז נאָכגעצויגן געוואָרן נאָך די אָרטיגע מענטשן וואָס זענען געווען עם הארצים, אַזש אַז אויך ער האָט פאַרגעסן דאָס לערנען. ווען ער האָט שפעטער געוואָלט לייענען אין די ספר תורה, איז איהם אונטערגעקומען דער פסוק 'החודש הזה לכם', און ער האָט עס געלייענט 'החרש היה לבם'. די חכמים האָבן מתפלל געווען פאַר איהם, און ער האָט זיך צוריק דערמאַנט דאָס לערנען.

**זאָגט** דער 'שפת אמת' (פרשת החודש, שנת תרל"א), אַז יעדע באַנייאונג נאָך אַ הסתר, אַזוי ווי דאָרט, וואָס קודם האָט רבי אלעזר בן ערך געזאָגט 'החרש היה לבם', און דערנאָך האָט ער געזאָגט 'החודש הזה לכם', איז מרמז, אויך פאַר די אידן, אַז וועגן דעם זענען זיי געגאַנגען קיין מצרים, כדי זיי זאָלן דערנאָך אָנקומען צום אור פון די גאולה, וואָס איז געקומען נאָך דעם גלות. קומט אויס, אַז דער גאַנצער גלות, וואָס איז אַ הסתרה, איז נאָר אַ הכנה, אַ צוגרייטונג, צו די גאולה, אַזוי ווי ס'האָט פאַסירט מיט רבי אלעזר בן ערך.

### וגם מקנינו ילך - אונזער טאַטע אין הימל גליסט אַז מיר זאָלן אייביג טראַכטן וועגן איהם

**ויקרא** פרעה אל משה ויאמר לכו עבדו את ה', רק צאנכם ובקרכם יוצג, גם טפכם ילך עמכם. ויאמר משה וגו' וגם מקנינו ילך עמנו לא תשאר פרסה (י, כד-כו).

---

- דאָס איז דאָך דער ערשטער כלל וואָס מ'לערנט מיט די רויבער - צו שווייגן, און נישט ענטפערן ווען זיי ווערן געכאַפּט פון די פּאָליציי... כדי זיי זאָלן נישט קענען אַרויסבאַקומען פון זיי, ווי די אַנדערע רויבער געפינען זיך.

האָט דער רבי ר' משה לייב ווייטער געפרעגט דאָס קינד: 'אָבער איך ווייס נאָך אַלץ נישט מיט וועלכן כח דו האָסט געקענט זיך שטאַרקן, און האַלטן זיך אַזוי פעלזן-פעסט'. האָט דאָס קינד געענטפערט: 1) מ'דאַרף וויסן און געדענקען אַז מ'שלאָגט נישט אייביג... אינגיכן וועט נעמען אַ סוף צו די קלעפּ, און דער מצב וועט ווערן לייכטער. 2) דער שלעגער וואָס שלאָגט איהם, איז נישט קיין אַנדערער ווי זיין אייגענע פאָטער, און סוף כל סוף, זענען די קלעפּ מסתא פאַר די טובה פונעם קינד. 3) ביי יעדן קלאַפּ שטעל איך זיך פאָר, אַז דאָס איז מיין לעצטער קלאַפּ, און אַזוי שטאַרקט איך מיך.

שפּעטער, האָט דער רבי ר' משה לייב געזאָגט, אַז פון דעם קינד האָט ער געלערנט אַ יסוד אין אמונה, אויך ווען ער איז 'צעקלאַפּט' חלילה. ערשטנס, צו וויסן, 'לכל תכלה ראיתי קץ'. דאָס רעדל וועט זיך איבערדרייען, און ער וועט זוכה זיין צו אַ גליקליך און צופרידן לעבן. צווייטנס, צו וויסן אַז דער וואָס 'שלאָגט' איהם איז דער טאַטע אין הימל. ער 'שלאָגט' מיט גרויס רחמים און חסדים. דריטנס, אַז ער דאַרף געדענקען און טראַכטן אַז דאָס איז דער לעצטער קלאַפּ. פון יעצט און ווייטער, איז פאַר איהם אָנגעגרייט אַ גוט לעבן...

**זאָגט** דער גאון רבי שלמה קלוגער זצ״ל (אין זיין ספר 'חכמת התורה'), לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער אַליין געדאַרפט אַראָפּגיין שלאָגן די מצרי'שע בכורים? פרעה איז דאָך שוין געווען וויליג אַרויסצולאָזן די אידן פון מצרים - און אויך זייערע קינדער. ער האָט זיך נאָר איינגעשפּאַרט אויף איין זאַך: די אידן זאָלן נישט מיטנעמען שאָף און רינדער. נו, דאַרף מען פאַרשטיין, צוליב בהמות האָט דער אויבערשטער געברענגט אַזאַ גרויסע מכה?!

**ענטפערט** דער גאון רבי שלמה קלוגער, דער אויבערשטער האָט געוואָלט שטאַרקן אידישע הערצער אין די קומענדיגע דורות, אַז אויב זיי וועלן זאָגן אַז זיי זענען נישט ראוי אויסגעלייזט צו ווערן פון גלות, האָט דער אויבערשטער זיי געוויזן אַז ער איז נישט מוותר, אַפילו אויף די בהמות... און אויב אַ מענטש וועט זאָגן, די פריערדיגע זענען געווען מענטשן, אָבער מיר זענען דאָך אַזוי ווי בהמות... און דעריבער, בין איך נישט ראוי צו די גאולה... האָט מען געזעהן אין מצרים, אַז אויך די 'בהמות' זענען געווען אין כלל פון יציאת מצרים. ממילא, איז אויך אַ מענטש וואָס פירט זיך חלילה אַזוי ווי אַ 'בהמה', וועט נישט איבערגעלאָזט ווערן אין גלות ח״ו, ווייל דער אויבערשטער האָט ליב אידישע קינדער, און ער זוכט די נאָענטקייט פון יעדן איינצלנעם איד.

**וועגן** די שטאַרקע ליבשאַפט וואָס דער אויבערשטער האָט פאַר יעדן איד[ד], געפינען מיר מורא'דיגע ווערטער אין מדרש (שמו״ר פי״ט, ה). דער מדרש דערציילט, אַז דער אויבערשטער האָט גערופן משה רבינו ע״ה און ער האָט איהם געזאָגט ער זאָל גיין מל'ען די אידן. אַסאַך פון די אידן האָבן נישט געוואָלט לאָזן זיך מל'ען. האָט דער אויבערשטער געזאָגט פאַר משה ער זאָל מקריב זיין דעם קרבן פסח, און ווייבאַלד משה האָט געמאַכט דעם קרבן פסח, האָט דער אויבערשטער געברענגט פון אַלע פיר זייטן פון דער וועלט, אַ ריח פון גבראָטענעם פלייש, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דעם קרבן פסח, (אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (שה״ש ד, טז) 'עורי צפון ובואי תימן'. דער ריח פון דעם געבראָטענעם פלייש פונעם קרבן פסח, האָט דערגרייכט אַ וועג וואָס עס דויערט צו גיין צופוס פערציג טעג).

**ווייבאַלד** די אידן האָבן געגליסט צום פלייש פון קרבן פסח, זענען זיי געקומען צו משה און איהם געזאָגט, מיר בעטן דיך, גיב אונז צו עסן פון דיין קרבן פסח. האָט משה געזאָגט צו די אידן: אויב איר וועט זיך נישט לאָזן מל'ען, וועט איר נישט קענען עסן פונעם קרבן פסח. האָבן זיי זיך געלאָזט מל'ען, און דאָס בלוט פונעם קרבן פסח האָט זיך אויסגעמישט מיט'ן בלוט פון ברית מילה, און דער אויבערשטער איז אַדורכגעגאַנגען און גענומען יעדן איד, און איהם געקושט, און איהם

**ד.** ס'איז באַקאַנט, אַז דער בעל שם טוב הקדוש זי״ע האָט געזאָגט, הלוואי זאָל איך ליב האָבן דעם גרעסטן צדיק, לכל הפחות אַזוי ווי דער אויבערשטער האָט ליב דעם גרעסטן רשע ('בית אהרן', ע' קמז. בשם הרה״ק רבי שלמה מקארלין זי״ע).

מורא'דיגע ווערטער שרייבט דער הייליגער ראָפּשיצער רב זי״ע (זרע קודש, פרשתינו, ד״ה ויאמר ה') אויף דעם פסוק אָנהייב סדרה (י, א-ב) 'בא אל פרעה כי אני הכבדתי את לבו ואת לב עדיו וגו', ולמען תספר באזני בנך ובן בנך את אשר התעללתי במצרים'. משה רבינו ע״ה האָט דאָך נישט געוואָלט אַריינגיין אין דעם פּאַלאַץ פון פרעה, צוליב די גרויסע טומאה וואָס האָט דאָרט געהערשט. צוליב דעם האָט דער אויבערשטער איהם געזאָגט 'בא אל פרעה', קום מיט מיר צו פרעה. "כביכול שאומר לחבירו בא אמי", ווי אַ מענטש זאָגט צו זיין חבר, קום מיט מיר... ווייל דער אויבערשטער אַליין איז דאָרט אויך געווען, צוליב די גרויסע ליבשאַפט וואָס ער האָט פאַר זיינע באַליבטע אידישע קינדער, און ווי דער מדרש זאָגט אין דער היינטיגער פרשה (שמו״ר פט״ו, ה) רבי שמעון האָט געזאָגט, גרויס איז די ליבשאַפט פון די אידן, אַז דער אויבערשטער האָט זיך באַוויזן אין אַן אָרט פון עבודה זרה, און אין אַן אָרט פון טינופת, און אין אַן אָרט פון טומאה, כדי אויסצולייזן די אידן. און ער האָט געברענגט אַ ראיה אַז ער רוהט דאָרט, 'כי אני הכבדתי את לבו ואת לב עבדיו'. קומט אויס אַז איך כביכול רוה דאָרט און מאַך שווער זייערע הערצער.

זאָגט דער ראָפּשיצער רב זי״ע ווייטער, דער אויבערשטער האָט נאָך צוגעגעבן צו משה, 'ולמען תספר באזני בנך ובן בנך את אשר התעללתי במצרים'. 'התעללתי' איז פון לשון 'עולל ויונק', אַזוי ווי אַ קינד. דער אויבערשטער האָט זיך 'קליין געמאַכט' כביכול, דורך אַריינגיין אין פרעה'ס פּאַלאַץ. דער בוכ״ע האָט זיך אַראָפּגענידערט אין אַזאַ אויסטערלישע קטנות, וואָס מ'קען זיך בכלל נישט פאַרשטעלן, אלעס, בלויז - פאַר די אידן'ס וועגן, עכל״ק.

געבענטשט, ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל טז, ו) 'ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך, ואומר לך בדמיך חיי'. 'חיי בדם פסח, חיי בדם מילה'.

**זוען** מ'טראַכט אַריין אין די ווערטער פונעם מדרש, זעהט מען אַ מורא'דיגע זאַך: די אַלע מענטשן וואָס זענען געקומען צו משה, זענען דאָך נאָר געקומען ווייל זיי האָבן געגליסט צו עסן פון דעם פלייש פון קרבן פסח. פונדעסטוועגן, האָט דער אויבערשטער זיך אַזוי שטאַרק געפרייט מיט זיי, ביז ער האָט גענומען יעדן איינעם פון זיי און אהם געקושט מיט גרויס ליבשאַפט. זעהט מען פון דאָ ווי ווייט דער אויבערשטער קוקט אַרויס צו יעדן איד, אין יעדן מצב וואו ער געפינט זיך נאָר[ה], 'אם ישוב מיד תקבלו'.

**ממילא,** טאָר מען זיך קיינמאָל נישט מייאש זיין, צו טראַכטן אַז די שערי תשובה זענען חלילה פאַרשפאַרט, וויבאַלד מ'האָט אַזוי פיל געזינדיגט[ו]. אונזער ליבער פאָטער אין הימל קוקט אַרויס אַפילו אויף די אידן וואָס זענען דערווייטערט געוואָרן פון איהם.

**דאָס** לערנען מיר אויך פון דעם פסוק אָנהייב היינטיגע סדרה (י, א) 'בא אל פרעה כי אני הכבדתי את לבו'. איז שווער, צי דען איז די הכבדת הלב פון פרעה, אַ סיבה און אַ טעם פאַרוואָס משה זאָל קומען צו פרעה און רעדן מיט איהם אַז ער זאָל אַרויסלאָזן די אידן פון מצרים? אדרבה, דאָס האָט געדאַרפט זיין די בעסטע סיבה פאַרוואָס משה זאָל נישט גיין צו פרעה, ווייל ער האָט אַ שווער האַרץ און ער וועט נישט נאָכגעבן משה'ס פאַרלאַנג אַרויסצולאָזן די אידן פון מצרים.

**ענטפערט** דער חיד"א זי"ע (אין ספר 'נחל קדומים') אַז ער האָט געטראָפן אין כתב-יד פון רבינו שלמה אסתרוק ז"ל (וועלכער האָט געלעבט אינעם דור פונעם ריטב"א און פונעם ר"ן), אַז מ'קען טייטשן דאָס וואָרט 'כי', פון לשון 'אף על פי' - כאָטש אַפילו. דאָס הייסט, דער אויבערשטער זאָגט צו משה רבינו ע"ה, קום צו פרעה, כאָטש איך האָב שווער געמאַכט זיין האַרץ, ווייל אויך דער רשע פרעה איז אימשטאַנד תשובה צו טוהן.

**אַזוי** שרייבט דער שאלות ותשובות מהרים"ט, אַז כאָטש חז"ל זאָגן אַז עס איז אַרויסגעגאַנגען אַ 'בת קול' פון הימל וואָס האָט אויסגערופן, 'שובו בנים שובבים חוץ מאחר' (חגיגה טו.), יעדער איינער קען תשובה טוהן צום באַשעפער, אויסער 'אחר' (אלישע בן אבוי)[ז]. פונדעסטוועגן, אויב 'אחר' וואָלט יא תשובה

---

**ה.** גאר רירנדע ווערטער שרייבט דער סמ"ג אין 'ספר המצוות' (מ"ע, ג. הלכות עבודת הבורא): דער אויבערשטער וויל מער אַז אַ רשע זאָל לייגן תפילין, ווי אַז אַ צדיק זאָל לייגן תפילין. ווייל דער עיקר פון מצוות תפילין איז אַז עס זאָל זיין אַ זכרון פאַר די רשעים, אַז זיי זאָלן אָנהייבן גיין אויף דעם גוטן וועג. די רשעים - שרייבט דער סמ"ג - נויטיגן זיך מער אין דעם 'זכר' און חיזוק, ווי די וואָס זענען געוואַקסן אַלע זייערע יאָהרן מיט יראת שמים.

און ער ברענגט אַ גרויסע און שטאַרקע ראיה דערצו, ווייל אין די תפילין זענען דאָ פיר פרשיות, און אין יעדעס איינע פון די פיר פרשיות, שטייט 'לטוטפות', אויסער איין פרשה, וואו די תורה האָט משנה געווען און געשריבן (פרשתינו יג, ט) 'ולזכרון', דיך צו לערנען, אַז דער עיקר חיוב פון תפילין איז פאַר די מענטשן וואָס דאַרפן מער האָבן אַ 'זכר'.

**ו.** דער רא"ש ז"ל שרייבט אין דער היינטיגער פרשה (י, כב) אַ טעם פאַרוואָס דתן און אבירם זענען נישט געשטאָרבן אין די 'שלשת ימי אפילה' ביי די מכה פון חושך אין מצרים, אַזוי ווי אַלע אידישע רשעים זענען אויסגעשטאָרבן אין יענע דריי טעג. שרייבט דער רא"ש, אַז כאָטש זיי זענען געווען רשעים, האָבן זיי זיך אבער נישט מייאש געווען פון די גאולה, אַז די אידן וועלן צום סוף אויסגעלייזט ווערן פון מצרים.

זעהען מיר פון דעם, אַז אפי' אַ רשע אַזוי ווי דתן און אבירם, אויב ער פאַלט נישט אַריין אין יאוש פון זיין גאולה (זיין פּרטיות'דיגע 'יציאת מצרים', פון גלות הנפש), וועט ער צום סוף האָבן זיין פולשטעדיגן תיקון, ווי חז"ל זאָגן (סנהדרין מד.) 'ישראל, אף על פי שחטא, ישראל הוא' - אַ איד, אפילו אויב ער האָט חלילה געזינדיגט, איז ער נאָך אַלץ אין גדר פון אַ איד - ער געהערט נאָך צום כלל ישראל. אַ איד טאָר קיינמאָל נישט זאָגן, איך וועל חלילה 'שטאַרבן' אין די 'שלושת ימי אפילה', אין מיין פּרטיות'דיגן 'מצרים', ווייל איך האָב דאָך שוין אַסאַך מאָל פּרובירט און עס איז מיר נישט געלונגען, און עס ווייזט אויס אַז איך וועל שוין שטענדיג פאַרבלייבן אין מיין 'מצרים'...

**ז.** אין דער צייט ווען מ'האָט ערפונדן די באַן אין רוסלאַנד, האָט מען אָנגעהויבן בויען באַן-רעלסן איבער'ן גאַנצן לאַנד. די אידן פון שטעטל האַדיטש, וואו עס געפינט זיך דער 'ציון' פון הייליגן בעל התניא זי"ע פון ליובאַוויטש,

געטוהן, וואָלט דער אויבערשטער אָנגענומען זיין תשובה (אַזוי שרייבט אויך דער מהרש"א, 'חידושי אגדות', חגיגה, דאָרט, ד"ה 'יצתה'). דאָס איז דערפאַר, ווייל 'אין לך דבר העומד בפני תשובה' - נישט דאָ אויף דער וועלט אַ זאַך וואָס קען צוריקהאַלטן די תשובה פון אַ מענטש.

**דאָס** איז אויך מרומז אין די ווערטער פון חז"ל (פסחים פו:) 'כל מה שיאמר לך בעל הבית עשה, חוץ מצא'. דאָס איז אַ רמז אויף דעם באַשעפער, וואָס ער איז דער 'בעל הבית' פון דער גאַנצער וועלט, אַז מיר דאַרפן פאָלגן אַלעס וואָס ער באַפעהלט אונז, אויסער ווען ער זאָגט פאַר'ן מענטש: 'צא' - גיי אַרויס, דאָס הייסט, ער שטופט אַוועק דעם מענטש אַז ער זאָל נישט קענען תשובה טוהן, און ער זאָגט איהם 'גיי אַרויס פון מיין מחיצה'. ווייל באמת גליסט דער אויבערשטער ברוך הוא אַז דער מענטש זאָל יאָ תשובה טוהן, נאָר ער וויל איהם נאָר אויספּרובירן דורך איהם 'פאַרנאַרן' כביכול (אַזוי שרייבט דער 'ראשית חכמה', אין שער הקדושה, אות כא).

לויט דעם, טייטשט דער חיד"א ז"ל דעם המשך פון די פּסוקים, 'ולמען תספר באזני בנך ובן בנך'.

---

האָבן אויסגעפונען אַז די באַהערדע גרייטן זיך צו בויען די רעלסן פון דער באַן אויפ'ן בית החיים, און עס איז אויפגעקומען אַן ערנסטער חשש אַז די רשעים גרייטן זיך צו צעוואַרפן דעם הייליגן ציון. אויך האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער שר וואָס איז ממונה אויף די אַרבעט צו בויען די נייע באַנען, איז אַ איד (לײדער נישט אַ שומר תורה ומצוות), און די טובי העיר זענען אַריבערגעגאַנגען כדי צו רעדן מיט איהם, און זיך איינבעטן ביי איהם, ער זאָל זעהן דערצו אַז דער 'ציון' זאָל נישט חרוב ווערן ח"ו. האָט דער שר זיי געזאָגט: 'כ'ווייס גאַנץ גוט דעם גרויסן כח פון די הייליגע צדיקים, נאָר כ'האָב צו אייך איין בקשה, און אויב איר וועט עס מיר נאָכגעבן, וועל איך נאָכקומען אייער פאַרלאַנג'.

און דער שר האָט אָנגעהויבן דערציילן זיין געשיכטע: מיין טאַטע און מיינע ברידער זענען אַלע פרום און ערליך. אַזוי בין איך אויך געווען יונגערהייט, אָבער פלוצלינג האָב איך אָנגעהויבן פאַלן נידעריגער און נידעריגער אין אידישקייט, און ווען כ'האָב דערגרייכט דעם עלטער פון 20 יאָר, האָב איך באַשלאָסן זיך צו מאָביליזירן אין דער רוסישער אַרמיי (וואָס דאָס עצם געפינען זיך אין דער אַרמיי, איז געווען אַ רוחניות'דיגע כליה רח"ל, ווייל מ'האָט זיך לײדער אויסגעמישט מיט די גוי'אישע סאָלדאַטן). ווענדיג זיך צוריקהאַלטן פון דעם שריט, האָט מיין טאַטע מיך געבעטן, אַז איידער איך וועל גיין אין מיליטער, זאָל איך קומען מיט איהם צו הרה"ק רבי שלמה קאַרלינער זי"ע, און דערנאָך וועט ער מיך צורוה לאָזן.

דערציילט דער מיניסטער ווייטער: דער וועג קיין קאַרלין האָט אונז געדויערט אַ גאַנצע נאַכט. ערשט אינדערפרי זענען מיר אָנגעקומען אין הויז פון רבי שלמה קאַרלינער. מיין טאַטע, וועלכער איז געווען אַ מקורב ביים רבי'ן, האָט מיך באַלד אַריינגענומען אין צימער פון רבי שלמה קאַרלינער, וועלכער האָט אַרומגעדרייט אַרויף און אַראָפּ אינעם צימער, פאַרטוהן אין זיינע געדאַנקען. נאָך עטליכע מינוט שטיין אין צימער, האָב איך זיך געוואָנדן צו מיין טאַטן און געזאָגט, קום, לאָמיר שוין גיין, ווייל איך איל זיך צו גיין אין מיליטער... מיין טאַטע האָט מיך אָבער געבעטן איך זאָל נאָך בלייבן. עטליכע סעקונדעס שפּעטער, האָט דער רבי זיך געוואָנדן צו מיר, און געשריגן צו מיר: 'אפשר דאָך, אפשר דאָך...'. ווי איינער זאָגט, אפשר פאָרט, 'יעזוב רשע דרכו', און איך וועל תשובה טוהן צום באַשעפער...

דער מיניסטער האָט אויסגעפירט און געזאָגט צו די אידן, וויסן זאָלט איר, אַז פון יענעם טאָג ביז היינט, יעדעס מאָל ווען איך וויל טוהן אַן עבירה און עובר זיין אויפ'ן רצון פון באַשעפער, קלינגען אין מיינע אויערן די ווערטער פונעם רבי'ן: 'אפשר דאָך, אפשר דאָך'... איך שפּיר נישט קיין טעם אין אַן עבירה... אויב איר וועט פּועל'ן פאַר מיר אַז איך זאָל אויפהערן צו הערן די שטימע פון רבי שלמה קאַרלינער, וועל איך נאָכקומען אייער פאַרלאַנגען, און אַוועקקירעווען די באַן-רעלסן פונעם אָרט פונעם 'ציון' פון ליובאַוויטשער רבי'ן...

דער אויבערשטער שרייט און רופט אויס צו אונז יעדע מינוט: 'שובו בנים שובבים', אפשר דאָך... אפשר דאָך... איז מעגליך אַז ס'איז שוין געקומען די צייט דו זאָלסט אָפּלאָזן דיינע שלעכטע וועגן און זיך דערנענטערן צו מיר... דאָס קויל גייט און שטאַרקט זיך אין די יעצטיגע הייליגע טעג פון שובבי"ם...

און די זעלבע דאַרף טאַקע יעדער איינער שרייען צו זיך אַליין אין די יעצטיגע טעג פון שובבי"ם: ס'איז דאָך שובבי"ם... אפשר איז שוין געקומען די צייט אַז איך זאָל איבערלאָזן מיינע שלעכטע וועגן און זיך אומקערן צו מיין טאַטן אין הימל...

דאָס לערנט אונז אַז אויך דאָס איז אַ גרויסער עיקר, צו דערציילן די וואונדער וואָס דער אויבערשטער האָט באַוויזן, אַז דער מענטש האָט שטענדיג אַ בחירה, אויסצוקלייבן דעם גוטן וועג, און אויב ער איז זוכה, קען ער זיך שטאַרקן איבער זיין יצר הרע.

**ממילא**, דאַרף מען לערנען אַ 'קל וחומר, בן בנו של קל וחומר', מה דאָך דער רשע פרעה האָט באַקומען די 'בחירה' צו טוהן וואָס עס געפעלט פאַר דעם אויבערשטען, איז דאָך אַוודאי אַז יעדער איד איז בכח נתעורר צו ווערן מיט תשובה שלימה, אַפילו אויב ער געפינט זיך אין גאָר אַ נידעריגן מצב[ח], ווייל קיין איין איד איז קיינמאָל נישט אָנגעקומען צו די נידערטרעכטיגקייט פון דעם רשע פרעה[ט].

**די** חשיבות פון יעדע אידישע נשמה, קען מען אויך זעהן פונעם פסוק (דברים טז, ג) 'לא תאכל עליו חמץ, שבעת ימים תאכל עליו מצות לחם עוני, כי בחפזון יצאת מארץ מצרים, למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך'. אין צוגאָב צום געדענקען דאָס עצם אַרויסגיין פון מצרים, איז דאָך דאָ נאָך אַ חיוב צו געדענקען אַז מ'איז אַרויסגעגאַנגען 'בחפזון' - אין איילעניש (און צוליב דעם, עסן מיר מצה אין דעם יום טוב פסח).

**דאַרף** מען פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ לימוד לערנען מיר פון דעם וואָס מיר געדענקען דעם 'חפזון' - די איילעניש מיט וועלכער מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, אַז מיר זענען נישט אַרויסגעגאַנגען אויף אַ רואיגן און געלאַסענעם וועג?

**אויך** דאַרף מען פאַרשטיין, דער הייליגער אריז"ל זאָגט וועגן דעם ענין פון 'חפזון', אַז דער אויבערשטער האָט אונז געמוזט אַרויסנעמען פון מצרים אין איילעניש, ווייל די אידן זענען געווען פאַרזינקען אין מצרים אין די מ"ט שערי טומאה רח"ל. אויב זיי וואָלטן דאָרט געבליבן נאָך אַביסל, וואָלטן זיי פאַרזינקען געוואָרן אויך אין פופציגסטן שער הטומאה, און זיי וואָלטן חלילה קיינמאָל נישט געקענט אַרויסקומען פון מצרים.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער זיי טאַקע געלאָזט דאָרט אַזוי לאַנג, אַז זיי זאָלן איינזינקען כמעט ביז'ן פופציגסטן שער הטומאה רח"ל, און ער האָט זיי נישט אויסגעלייזט פריער?

**איז** דער תירוץ, אַז דער אויבערשטער האָט געוואָלט לערנען די אידישע קינדער אין אַלע דורות, אַז אפילו אויב אַ איד געפינט זיך ח"ו אין די מ"ט שערי

---

**ח.** עס איז באַקאַנט וואָס דער זוהר הקדוש פרעגט, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק 'בא' (קום מיט מיר) אל פרעה, און נישט 'לך' (גיי) אל פרעה. אין קאָצק האָט מען געענטפערט, אַז אויב עס וואָלט געשטאַנען 'לך אל פרעה', וואָלט דאָך פרשת בא זיך נישט אָנגעהויבן מיט אַן אות בי"ת, און דאַן וואָלטן מיר נישט זוכה געווען צו שובבי"ם...

האָט אויף דעם געזאָגט דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, אַז כאָטש עס זעהט אויס אויבנאויף אַז די ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן אין אַ ווערטל, ליגט אָבער אין דעם אַ טיפער געדאַנק, ווייל דער גאַנצער יסוד פון תשובה איז דאָס וואָס דער אויבערשטער איז נאָנט צו זיינע אידישע קינדער, ער לאָזט זיי נישט צורוה, נאָר ער 'רוהט' צווישן זיי. דאָס איז דער רמז אין דעם וואָרט 'בא' אל פרעה, 'קום' מיט מיר צוזאַמען - גיי נישט אַליין...

**ט.** מורא'דיגע ווערטער, זאָגט דער גאון רבי זלמן סאָראָצקין זצ"ל, אין ספר 'אזנים לתורה'. ביי די מכה פון ארבה, געפינען מיר אין דער היינטיגער סדרה (י, יג) 'וה' ניהג רוח קדים בארץ כל היום ההוא וכל הלילה, הבוקר היה ורוח הקדים נשא את הארבה'. ווען די מכה האָט זיך געענדיגט, זאָגט דער פסוק (פסוק יט) 'ויהפוך ה' רוח ים חזק מאוד, וישא את הארבה'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס נאָר ביים אָפטוהן די מכה זאָגט די תורה אַז עס איז געווען גאָר אַ שטאַרקער ווינט ('רוח חזק מאד'), און נישט ביים אָנהייב פון די מכה, וואו עס שטייט נאָר 'רוח קדים'?

זאָגט דער 'אזנים לתורה', דער אויבערשטער איז דאָך דער 'רב חסד', וואָס ער וואַרט שטענדיג אויף די תשובה פון דעם רשע, אפי' פאַר אַזאַ רשע ווי פרעה. וועגן דעם האָט דער אויבערשטער נישט געברענגט די מכה פון די היישעריקן אויף איינמאָל, נאָר צוביסלעך, צוביסלעך, כדי זיי זאָלן נתעורר ווערן תשובה צו טוהן ווען זיי וועלן זעהן אַז דער היישעריק איז שוין אָט-אָט דאָ. דעריבער איז עס נישט געקומען מיט אַ 'שטאַרקן ווינט', אָבער ווען די מכה האָט זיך געענדיגט, האָט דער אויבערשטער עס אַוועקגעפירט מיט אַ 'רוח חזק מאד'.

איז דאָך אַ קל וחומר פאַר אונז, וואָס מיר האָבן נישט אין אונזערע רייען חלילה אַ 'פרעה הרשע', און דער אויבערשטער וואַרט זיכער אויף אונזער תשובה: 'אם ישוב, מיד תקבלו'.

טומאה רח"ל, און אַט שטייט ער שוין ממש ביי די טיר פון פופציגסטן 'שער' פון טומאה רח"ל. דאָס הייסט, ער איז ממש אין ערגסטן מעגליכן מצב, קען ער אויך פון דאָרט אויסגעלייזט ווערן. ער האָט אַליץ אַ האָפענונג, און נישט נאָר דאָס, נאָר אין איין סעקונדע, קען ער זיך איבערדרייען פון איין עק צום אַנדערן. אויב ער וועט זיך נאָר שטאַרקן צו ענדערן זיינע וועגן, קען ער פונעם נידעריגסטן מצב אין וועלכן ער געפינט זיך, אַרויסגיין פריי, אַזוי ווי ס'האָט טאַקע פאַסירט אין מצרים. איין רגע זענען די אידן געווען פאַרזינקען אין די 49 טויערן פון טומאה רח"ל, און אַ רגע שפּעטער, זענען זיי שוין געווען אינגאַנצן פריי.

**צוליב** דעם האָט דער אויבערשטער געזאָגט אַז מ'זאָל געדענקען דעם טאָג ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים אין איילעניש, כדי עס זאָל ווערן איינגעוואָרצלט אין אידישע הערצער אַט דער ידיעה, זיי זאָלן זיך אייביג קענען שטאַרקן אויפ'ן יצר, און זיך אומקערן צו דעם אויבערשטן מיט'ן גאַנצן האַרץ.

**דער** מענטש טאָר זיך נישט דערשרעקן ווען ער זעהט ווי שווער ס'איז די אַרבעט צו באַזיגן דעם יצר הרע, ווייל די גאַנצע שוועריגקייט פון די נסיונות איז נאָר פאַר די טובה און הנאה פון מענטש, ווי דער הייליגער 'בית אהרן' זי"ע, זאָגט אויפ'ן פסוק, 'בא אל פרעה כי אני הכבדתי את לבו ואת לב עבדיו, למען שתי אותותי אלה בקרבו'. ס'איז באַקאַנט אַז 'פרעה' איז מרמז אויף דעם יצר הרע. זאָגט דער אויבערשטער צו יעדן איד: 'בא אל פרעה', קום מיט מיר, צוברעך דיין יצר הרע. 'כי אני הכבדתי את לבו ואת לב עבדיו' - איך האָב שווערער געמאַכט דאָס האַרץ פון אידן, דורך דעם וואָס איך האָב זיי געגעבן אַ יצר הרע מיט גרויסע נסיונות. דער תכלית און די הויפט סיבה פאַרוואָס איך האָב זיי געגעבן אַזעלכע נסיונות, איז 'למען שתי אותותי אלה בקרבו', ווייל די ספרים זאָגן אַ טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן אינעם מענטש אַ יצר הרע, כדי ער זאָל דאַרפן פירן מלחמות און ער זאָל אייביג זיין פאַרנומען צו באַזיגן דעם יצר, און אַזוי וועט ער באַקומען גאָר אַ גרויסן שכר'. אויב דער מענטש וואָלט נישט געהאַט אַ יצר הרע, און ער וואָלט נישט געדאַרפט פירן מלחמה מיט איהם, וואָלט זיין שכר נישט געווען אַזוי גרויס.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק: 'למען שתי אותותי אלה בקרבו'. 'אותותי' איז פון לשון צובינדונג, דורך

---

**י.** אַ איד איז אַמאָל געקומען צו זיין רבי'ן נאָך אַ ברכה. ביים סוף פונעם שמועס, האָט דער רבי איהם געפרעגט אויב ער האָט אַ 'קביעות עתים' צו לערנען אַ שיעור. האָט דער איד געענטפערט, אַז 'לאו דווקא' (ווי איינער זאָגט, 'דווקא נישט'...), און ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז דער אויבערשטער האָט גענוג מלאכים אין הימל וואָס דינען איהם באהבה וביראה, און ממילא, וואָס קען שוין צוגעבן אַביסל פון זיין 'עבודה'.

האָט דער רבי געפרעגט דעם איד וואָס ער טוט פאַר פרנסה, און דער איד האָט געענטפערט, אַז ער איז אַ מאָלער. ער ציהט זיין חיונה פון מאָלן שיינע בילדער וועלכע ער פאַרקויפט דערנאָך. האָט דער רבי איהם געפרעגט, און וואָס איז די שענסטע מאָלעריי וואָס דו האָסט אַמאָל געמאָלן? האָט דער איד געענטפערט: מיין שענסטע מאָלעריי איז דער זון-אונטערגאַנג ביים ברעג ים. ער האָט צוגעגעבן, אַז די דאָזיגע מאָלעריי האָט זיך פאַרקויפט פאַר דער ריזיגער סומע פון צענדליגער טויזנטער דאָלאַרן. האָט דער רבי איהם געפרעגט: נו, וואָס איז דאָ אַזוי פיל צו צאָלן פאַר אַזאַ בילד? יעדער איינער קען דאָך קומען מיט אַ 'קאַמערע' צום ברעג ים, און פאָטאָגראַפירן די שקיעה ביים ברעג ים, און דאַן וועט עס איהם נישט קאָסטן מער ווי עטליכע פרוטות...

האָט דער איד פרובירט מסביר זיין פאַר'ן רבי'ן, אַז נאָכצומאַכן די 'שקיעה' מיט אַ קאַמערע, פאָדערט זיך נישט דערפאַר צופיל האָרעוואַניע, אָבער ווען אַ מאָלער וויל מאָלן די שקיעה ביים ברעג ים, לייג איך אַריין אין דער מאָלעריי אַסאַך שעה'ן פון האָרעוואַניע און פלאָג, און פאַר דעם פאָדערט מען פונעם קונה גרעסערע סוכמים געלט. האָט דער רבי איהם געזאָגט:

- נו, גאַנץ רעכט אַז מ'זאָל באַצאָלן לויט וויפיל שעה'ן דו האָסט אַריינגעלייגט דערין, אָבער פון וואו נעמסטו די העזה צו פאָדערן אַזאַ איבערגעטריבענע סומע דערפאַר?

האָט דער חסיד געענטפערט:

אַ צייכן. ווען אַ איד שטאַרקט זיך אויף זיין יצר הרע, ווערט ער נענטער און מער מקושר צו דעם אויבערשטען[א].

בייזשטיין אַלע נסיונות, איז מען זוכה צו דעם שטאַרקן קשר מיט'ן אויבערשטען ברוך הוא[ב], און מ'ווערט דערהויבן צו די העכסטע מדריגות פון קדושה[ג].

**צוליב** דעם 'הכבדתי את לבו' - האָב איך שווער געמאַכט זיין האַרץ, דורך דעם וואָס איך האָב איהם געגעבן אַ יצר הרע, ווייל דער אויבערשטער זוכט די נאָנטקייט פון אידישע קינדער. נאָר ווען מ'טוט

**זאָגט** די תורה: 'כי אני הכבדתי את לבו'. דער אויבערשטער האָט שווער געמאַכט דאָס האַרץ פון דעם מענטש, כדי איהם אויפצוהייבן דורך דעם וואָס ער וועט זיך שטאַרקן אויף די שוועריקייט פון

---

- ווען דער מענטש באַנוצט זיך מיט אַ כלי וואָס איז ספּעציעל געמאַכט געוואָרן דערפאַר, איז דאך קלאָר אַז ער וועט מצליח זיין דערין און דאָס בילד וועט געלונגען. אָבער ווען דער מאָלער מאָלט אַ בילד מיט זיין האַנט, זענען דאך דאָ גרעסערע שאַנסן אַז דאָס בילד זאָל מעגליך נישט געלונגען, ווייל ער דאַרף גלייכצייטיג קוקן אויף די זון און אויף דעם ים און זיינע כוואַליעס, אויפ'ן הימל און אויף דער ערד... נאָר ווען מ'קוקט אויף אַלעם צוזאַמען מיטאַמאָל, קען דאָס בילד אַרויסקומען שיין און פּרעכטיג. וועגן דעם איז די אַרבעט אַזוי חשוב, און פאַר דעם פאָדערט מען אַ פולן פּרייזן...

האָט דער רבי איהם געזאָגט:

- טאַקע דער זעלבער געדאַנק, איז גילטיג אויך לגבי תורה און עבודת ה' פון די מענטשן, 'קרוצי חומר', וואָס געפינען זיך דאָ אויף דער וועלט, ווייל מלאכים וואָס האָבן נישט אַ יצר הרע און זיינע נסיונות, איז דאָך קלאָר אַז זיי זאָלן מצליח זיין מיט זייער עבודה פאַר'ן אויבערשטען, און וועגן דעם איז זייער עבודה נישט אַזוי חשוב פאַר דעם אויבערשטען, אַזוי ווי איינער וואָס האָט אַ יצר הרע און מניעות, און עס האָט נישט קיין שיעור און קיין ערך, דער גרויסער שכר וואָס דו וועסט באַקומען ווען עס וועט קומען די צייט דערפאַר.

**יא.** אין 'אנא בכח' זאָגן מיר: 'שגבנו טהרנו נורא', וואָס ס'איז באַקאַנט אַז די ראשי תיבות פון די דריי ווערטער, איז 'שטן'. לכאורה, איז עס אַ סתירה, וואָס האָט דער שטן מיט 'שגבנו טהרנו נורא'... די דריי מידות זענען דאָך דער פולשטענדיגער היפוך פונעם שטן, וואָס זוכט אָפּצושוואַכן און מטמא זיין חלילה אידישע קינדער.

איז דער תירוץ, ווייל דער תכלית פון אַלע נסיונות וואָס דער יצר הרע פּרובירט אונטערצולייגן פאַר אונז, איז דאָך נאָר מיט'ן ציל אַז מיר זאָלן זיך שטאַרקן אויף די נסיונות, און דייקא אַדאַנק די נסיונות, קען מען אָנקומען צו 'שגבנו טהרנו נורא'. ס'איז נישט מעגליך צו שטייגן נאָר דורך זיך קעגנשטעלן קעגן דעם יצר הרע, און נאָר דורך בייזשטיין אַלע שווערע נסיונות.

**יב.** די ספרים זאָגן אַ רמז אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (יב, מא) 'ויהי מקץ שלושים שנה וארבע מאות שנה, ויהי בעצם היום הזה יצאו כל צבאות ה' מארץ מצרים'. איז שווער, חז"ל זאָגן (מגילה י:) אַז איבעראל וואו עס שטייט דאָס וואָרט 'ויהי', איז עס אַ לשון פון צער. אויב אַזוי, פאַרוואָס שטייט דאָ דאָס וואָרט ויהי', און נאָך אַ דאָפּלטן לשון, צוויי מאָל 'ויהי'? עס איז דאָך געווען אַ גרויסע שמחה אַז די אידן זענען אַרויס פון גלות מצרים?

איז דער תירוץ, ווייל דער אויבערשטער האָט הנאה פון די עבודה פון אידישע קינדער אין שווערע צייטן, אין די צייטן פון גלות, מער ווי פון די עבודה פון אידן ווען זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן. וועגן דעם זאָגט דער פסוק 'ויהי' - אַ לשון פון צער, נאָך די גאולה פון מצרים, ווען זיי דאַרפן שוין נישט אַרבעטן אַזוי שווער..!

**יג.** אַ בחור פון שווייץ וואָס האָט געלערנט אין ליטע, איז ביים סוף פונעם 'זמן', איידער ער האָט געדאַרפט צוריקפאָרן אַהיים קיין שווייץ, געקומען צום 'חפץ חיים' זצ"ל, כדי צו באַקומען פון איהם אַ ברכה. אויפ'ן באַן קיין ראַדין, האָט ער באַגעגנט אַ איד אַ בעל צורה, וועלכער האָט איהם געפרעגט וואוהין ער פאָרט, און ווען ער האָט געענטפערט אַז ער פאָרט קיין ראַדין, האָט דער איד איהם געזאָגט אַז אויך ער פאָרט אַהין, און שמועסנדיג, האָט דער בחור אויסגעפונען אַז דער איד מיט וועמען ער זיצט און שמועסט אויפ'ן איז נישט קיין אַנדערער ווי הרב הגאון ר' צבי לעווינזאָהן זצ"ל, אַן איידעם פונעם 'חפץ חיים', און ראש ישיבה אין ראַדין. דער בחור האָט זיך זייער געפרייט אַז ער האָט איהם באַגעגנט, און געבעטן ער זאָל איהם העלפן אַריינקומען צום 'חפץ חיים'.

הארץ. ווייל דורך די שווערקייטן און צרות וואס אידן ליידן ביים צוברעכן דעם יצר הרע, דורך דעם ווערן זיי בכבוד'יג אין אלעמענס אויגן.

א וואונדערליכן לשון, געפינען מיר אין הייליגן ספר 'חרדים' (פל"ה, אות יב). ער טייטשט דעם פסוק (משלי כג, כו) 'תנה בני לבך לי', בזה הלשון: אונזער טאטע

---

אנקומענדיג קיין ראדין, האט ר' הערשל לעווינזאהן איינגעלאדנט דעם בחור איבערצונעכטיגן ביי איהם אין הויז. ער האט איהם געגעבן צו עסן און טרינקען, און א בעט אראפצולייגן דעם קאפ און דורכשלאפן די נאכט. נאך דעם ווי דער בחור האט זיך געלייגט שלאפן, האט ער זיך דערמאנט אז ער האט נאך נישט געדאווענט מעריב... די קעלט האט אבער שווער געמאכט פאר איהם אויפצושטיין פון בעט און זיך שטעלן דאווענען מעריב. בפרט ווען ער האט זיך דערמאנט אין די ווערטער וואס ער האט געהערט פון זיינע משגיחים, אז מ'שטעלט זיך נישט דאווענען מיט א קעלט... ער האט באשלאסן צו בלייבן אין בעט נאך עטליכע מינוט, און זיך דערוואַרימען נאך אביסל, און דאן וועט ער אַרויסגיין פון בעט דאווענען. למעשה, אבער, האט זיין מידקייט זיך געשטארקט אויף איהם און ער איז איינגעשלאפן ביז אינדערפרי, ווען ר' הערשל לעווינזאהן האט איהם אויפגעוועקט צו שחרית. ער האט אינגאנצן פארגעסן אז ער האט נישט געדאווענט מעריב...

נאכ'ן דאווענען, האט ר' הערשל איהם דערלאנגט פרישטאג, און זיי זענען אריבערגעגאנגען אין הויז פונעם 'חפץ חיים'. ווען דער בחור איז אריינגעקומען צום 'חפץ חיים', האט דער בחור ארויסגענומען פון טאש א צעטל מיט עטליכע פראגן וואס ער האט געוואלט פרעגן דעם 'חפץ חיים', אבער דער 'חפץ חיים' האט איהם נישט געלאזט קומען צום ווארט, נאר ער האט איהם באלד געזאגט די פאלגענדע ווערטער:

- אין די פריערדיגע צייטן, איז אין רוסלאנד געווען א גרויס רייכטום. ס'איז געווען א שפע פון געלט, און איך געדענק אז אין יענע צייטן, אויב עמיצער האט אראפגעלאזט אויף דער גאס א זילבערנע מטבע, האט ער זיך נישט מטריח געווען עס אויפצוהייבן, צוליב די גרויסע שפע וואס איז דאן געווען. היינטיגע צייטן זענען אבער שווערע, און אויב א מענטש לאזט אראפ אויף דער גאס אפילו א קופערנע פרוטה, וועט ער זיך תיכף אראפבייגן און עס אויפהייבן פון דער ערד, ווייל אין אזעלכע שווערע מצבים, ווערט אפילו א קליינע סומע גערעכנט אזוי ווי א גרויס פארמעגן...

דער בחור איז געווען ערשטוינט, פארוואס דער 'חפץ חיים' רעדט מיט איהם די דאזיגע ווערטער, וואס זעהען אויס ווי 'מילי דעלמא'... דער 'חפץ חיים' האט אבער באלד פארגעזעצט זיינע ווערטער צו דעם בחור:

- אין די פריערדיגע יארן, ווען אידן האבן געלעבט אין זייער לאנד, ארץ ישראל, און דער בית המקדש איז געשטאנען אויפגעבויט אין ירושלים, 'כהנים בעבודתם, ולוויים בדוכנם, וישראל במעמדם', און עס איז געווען א 'רייכטום' כביכול אויבן אין הימל, ממילא, איז דעמאלס נישט געווען אזוי חשוב דאס דאווענען מעריב פון א בחור'ל, אבער היינטיגע צייטן, ווען ס'איז פינצטער אויף דער וועלט און עס זענען דא אזוי ווייניג שומרי תורה ומצות, און עס הערשט אן 'ארימקייט' אויפ'ן עולם העליון, איז אויך איין-איינציגער מעריב פון א בחור, זייער חשוב אין הימל... מ'איז דארט נישט מוותר דערויף...

דאן האט דער בחור זיך דערמאנט אז ער האט נעכטן בייינאכט נישט געדאווענט מעריב, און האט זיך געוואלט באגראבן אונטער דער ערד פאר בושה...

דאן האט דער 'חפץ חיים' ווייטער גערעדט צום בחור, נאכזאגנדיג די ווערטער פונעם אויבן דערמאנטן מדרש אז דער אויבערשטער האט געגעבן פאר די אידן די מצוות פון קרבן פסח און מילה, כדי זיי זאלן זיין ראוי אויסגעלייזט צו ווערן פון גלות מצרים. איז שווער, צי דען איז גענוג 'אונטערצוקויפן' דעם אויבערשטען כביכול, מיט צוויי מצוות? מוז מען על כרחך זאגן - האט דער 'חפץ חיים' פארגעזעצט - אז אין אזא צייט, ווען אידן זענען ליידיג פון מצוות, איז די קלענסטע פעולה פון א איד, זייער חשוב אין הימל. ממילא, לויט דעם נידעריגן מצב אין וועלכן אידן האבן זיך געפונען אין מצרים, זענען אויך די צוויי מצוות פון פסח און מילה געווען בכוח איבערצובעטן דעם אויבערשטען מיט די אידן. אויך דו, זאלסטו וויסן, אז ווען דו שפירסט אז דו ביזט אין א מצב פון 'מוחין דקטנות', זאלסטו נישט אריינפאלן אין יאוש, נאר אדרבה, דייקא יעדע קליינע פעולה איז חשוב און טייער ביי דעם אויבערשטען.

אין הימל כביכול, גליסט אַז מיר זאָלן אייביג טראַכטן וועגן איהם ברוך הוא, און ער זאָל נישט אָפּגעטיילט ווערן פון אונז. 'דחביבין אנחנו בעיניו כבן יקיר לו וילד שעשועים' - ווייל מיר זענען באַליבט אין זיינע אויגן, אַזוי ווי אַ טייער באַליבט קינד. וואויל איז פאַר דעם מענטש וואָס ער פירט אויס דעם רצון פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, עכ"ל.

### וישאלו איש מאת רעהו - רחמנות האָבן און טוהן חסד מיט אַנדערע מענטשן

**ולכל** בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו (יא, ז). זאָגט דער הייליגער רוזינער זי"ע (געברענגט אין ספר 'עירין קדישין') בדרך רמז, דער פסוק קומט אונז לערנען, דער מענטש זאָל נישט רעדן מיט אַ 'שאַרפע' שפּראַך מיט מענטשן, נאָר ער זאָל שטענדיג רעדן ווייכע רייד, מיט אַ נעימות, 'מענה רך משיב חימה'. אויף דעם זאָגט דער פסוק: 'לא יחרץ' - דו זאָלסט נישט זיין 'שאַרף' און 'שפּיציג' ('יחרץ' פון לשון 'חורץ חריצים'), נאָר 'כלב' - אַזוי ווי דאָס האַרץ, זאָל זיין 'לשונו' - די שפּראַך פונעם מענטש.

**הרה"ק** בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע טייטשט (אין ספר 'ליקוטי הרי"ם') דעם פסוק ביי מכת חושך (פרשתינו י, כג) 'לא ראו איש את אחיו ולא קמו איש מתחתיו' וגו'. די גרעסטע פינצטערניש איז ווען 'לא ראו איש את אחיו', איין איד זעהט נישט דעם אַנדערן... ער איז זיך נישט מתבונן מיט וואָס ער קען טוהן אַ טובה פאַר זיין חבר[יד] מתוך אחדות וטוב לבב, אָדער איהם צו העלפן אין צייט פון אַ צרה ח"ו[טו]. און נישט נאָר דאָס, נאָר 'ולא קמו איש מתחתיו' - אויף פאַר זיך אַליין פאַרלירן זיי די תקומה ח"ו.

**נאָר** אדרבה, 'ולכל בני ישראל היה אור במושבותם'. יעדער איד דאַרף טוהן גוטס מיט אַ צווייטן[טז], און וואָס מער ליב האָבן דעם חבר ('חפץ חיים', שער התבונה, פ"ה), און פונקט ווי אויף זיך און זיינע חסרונות, געפינט אַ מענטש שטענדיג אַ לימוד זכות און מליצה

---

**יד.** אין דער צייט ווען דער גאון בעל 'שאגת אריה' זי"ע איז געגאַנגען אין 'גלות', האָט ער געגעסן בלויז אַביסל בעבעלעך וואָס ער האָט שטענדיג געהאַלטן ביי זיך. וואו ער איז נאָר אָנגעקומען, האָט ער געבעטן מ'זאָל אָפּקאָכן פאַר איהם די בעבעלעך (צוליב דעם חשש פון 'חדש', וואָס אַנדערע האָבן מקיל געווען אַלס 'תבואת עכו"ם', און ער האָט זיך ביי דעם נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף אַנדערע).

איין טאָג איז דער 'שאגת אריה' אָנגעקומען צו אַ חתונה, וואו ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אַלע אָרימעלייט. ער האָט אָבער גאָרנישט גענומען אין מויל אַריין, נאָר געוואַרט אַז דער בעל שמחה זאָל איהם פרעגן פאַרוואָס ער עסט נישט, און דאַן וועט ער איהם בעטן מ'זאָל פאַר איהם אָפּקאָכן זיינע בעבעלעך. למעשה, אָבער, האָט קיינער איהם נישט געפרעגט אַ וואָרט במשך די גאַנצע סעודה. נאָך די חתונה, האָט מען געזעהן אַז עס פעלט איינע פון די זילבערנע כלים, און דער חשד איז באַלד געפאַלן אויף דעם 'שאגת אריה', באַזונדערס אין אָנבליק פון דעם וואָס במשך די גאַנצע סעודה האָט ער גאָרנישט אַריינגענומען אין מויל, מסתמא איז עס דערפאַר, ווייל ער איז געווען פאַרנומען מיט זיין גניבה... מ'האָט איהם גוט אָנגעשלאָגן אַז ער זאָל מודה זיין אין די 'גניבה'.

דאַן האָט דער 'שאגת אריה' געטייטשט דעם פסוק (תהלים לא, יג) 'נשכחתי כמת מלב הייתי ככלי אובד'. אין אָנהויב האָט מען אינגאַנצן 'פאַרגעסן' פון מיר ('נשכחתי כמת מלב')... ווען איז יאָ געווען 'הייתי' - אַז איך האָב פלוצלינג 'עקזיסטירט'... דאָס איז געווען 'ככלי אובד' - ווען עס איז פאַרלוירן געוואָרן אַ טייערע כלי ביי די חתונה... דאַן האָט מען געוואָרפן אַן אויג אויף מיר, צו זאָגן אַז איך האָב עס גע'גנב'עט...

**טו.** עס שטייט אין ילקוט שמעוני, 'כמה עביו של אותו החושך' - ווי דיק איז די מכה פון חושך געווען? און דער ילקוט שמעוני ענטפערט, 'רבותינו אמרו, עבה כדינר'. עס איז געווען דיק אַזוי ווי אַ 'דינר'. קען מען זאָגן בדרך מליצה, דורך דעם 'דינר' אין טאַש, קען נגרם ווערן אַ סאַך פינצטערניש ח"ו... צוליב זיין שטאַרקע גליסטינג צו געלט, פאַרשטאָפּט דער מענטש זיינע אויערן צו הערן דאָס געשריי פון דעם אָרימאַן, ער מאַכט זיך ווי ער זעהט איהם נישט... מ'דאַרף זיך אַלזאָ גאַר שטאַרק היטן פון די דאָזיגע 'מכה' פון 'חושך'...

**טז.** אויפ'ן פסוק (דברים ג, כד) 'אתה החילות להראות את עבדך את גדלך' וגו', זאָגט רש"י: 'את גדלך, זו מדת טובך'. זאָגן די 'בעלי הרמז', אַז די גרויסקייט פון מענטש מעסט זיך לויט זיין 'מדת טובך' - לויט וויפיל גוטס ער פאַרמאָגט אין זיך...

ישרה, צו געפינען אַ תירוץ פאַרוואס ער איז דער גרעסטער 'צדיק' אויף דער וועלט... אַזוי דאַרף ער פאַרענטפערן די חסרונות פון זיין חבר, און מקיים זיין דעם פסוק 'ואהבת לרעך כמוך' - 'כמוך' ממש".

**אויך** דאַרף מען שטענדיג מחשיב זיין אַ צווייטן, ווי הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע זאָגט (אמרי פנחס' השלם, בהעלותך, אות שט), אַז יעדער איד האָט אַ קדושה און אַ טייערע זאַך, וואָס אַ צווייטער האָט נישט.

**אַזוי** זאָגן צדיקים אויפ'ן פסוק (פרשתינו יג, טז) 'כי בחוזק יד הוציאנו ה' ממצרים'. דורך דעם וואָס זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי די האַנט איינער דעם אַנדערן ('בחוזק יד'), צו העלפן אַ צווייטן און איהם אונטערהאַלטן, האָבן זיי זוכה געווען אַרויסצוגיין פון מצרים, ווי עס שטייט אין תנא דבי אליהו (רבה פכ"ג) וועגן די יוצאי מצרים: די אידישע קינדער האָבן זיך צוזאַם גענומען, אויף אַ אופן אַז זיי זענען אַלע געזעצן באגודה אחת, און דאַן האָבן זיין געמאַכט אַ בונד

---

**יז.** הרה"ק רבי דוד'ל לעלוב'ער זי"ע (יומא דהילולא, ז' שבט) פלעגט זאָגן, איך האָב נישט קיין עצה פאַר 'יראת שמים'. איך קען נאָר געבן אַ עצה פאַר 'אהבת שמים', דורך 'אהבת ישראל'. דורך דעם וואָס אַ איד האָט ליב אַנדערע איד, קען ער אָנקומען צו די מדריגה פון אהבת ה'.

עס איז באַקאַנט די גרויסע אהבת ישראל פון הרה"ק רבי דוד'ל זי"ע, אַזוי וויית, אַז ער האָט נישט געקענט זעהן שלעכטס אויף קיין שום איד. ער פלעגט זאָגן, יעדער איד איז הייליג, און עס איז נישט שייך ביי איהם קיין שלעכטס. נאָר דאָס וואָס מ'זעהט אַמאָל אַז אַ איד פירט זיך נישט ערליך, איז עס נאָר צוליב דעם חלק 'גוי' וואָס געפינט זיך אין איהם...

אַמאָל פאַר פסח איז הרה"ק רבי דוד'ל געפאָרן קיין ליזענסק צו זיין רבי'ן, דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע.ער האָט מיטגענומען אַ שיינעם בעכער עס צו שענקען במתנה פאַר'ן רבי'ן. גייענדיג אין וואַלד האָט ער געבלאָנדזשעט אין וועג, און נישט געוואוסט וואוהין צו גיין. האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און געוויינט פאַר דעם אויבערשטען בדמעות שליש, ער זאָל איהם אַרויסנעמען פון זיין קלעם, און ביז עטליכע סעקונדעס האָט ער באַגעגנט אַן עלטערן איד, וועלכער האָט איהם אָנגעוויזן דעם וועג צו גיין, פון וואו ער קען אָנקומען קיין ליזענסק. ביים זיך געזעגענען, האָט דער אַלטער איד געזאָגט פאַר רבי דוד'לען צוויי זאַכן, וואָס דער מענטש דאַרף שטענדיג געדענקען:

א) ווען מ'וויל באַהעפטן צוויי העלצער, און איינער פון די העלצער האָט אַ 'בליטה' וואָס שטעקט אַרויס, איז די עצה צו מאַכן אַ לאָך אין צווייטן שטיק האָלץ, און אַזוי קען מען באַהעפטן ביידע שטיקלעך האָלץ... דאָס איז אַ רמז פאַר יעדן איד, אַז ווען ער וויל זיך באַהעפטן מיט אַ צווייטן איד און איהם ליב האָבן, איז די עצה ער זאָל מאַכן אַ 'לאָך' אין זיך אַליין, ער זאָל מוותר זיין פון זיינעם פאַר זיין חבר, און אַזוי וועלן זיי זוכה זיין צו די אמת'ע אחדות.

ב) אנשטאָט אַריינצוקוקן כסדר אין יענעם'ס מעשים, דאַרף מען זיך אַליין נאָכקוקן, און דאַן געפינט מען אַ סאַך זאַכן וואָס מ'דאַרף נאָך פאַררעכטן. ממילא, וועט ער זעהן אַז זיין חבר איז גאָר אַ 'צדיק גמור' אַנטקעגן איהם.

אַזוי ווי דער אַלטער איד האָט געענדיגט זיינע ווערטער, איז ער פאַרשוואונדן, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דאָס איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי אליהו הנביא זכור לטוב.

איין יאָר פאַר פסח, איז אַן אָרימאַן אַריינגעקומען אין הויז פון רבי דוד'ל, און זיך אָפּגערעדט אַז ער האָט שוין נישט געגעסן אַ לאַנגע צייט. האָט רבי דוד'ל גענומען די מצות וואָס זענען געבאַקן געוואָרן און אַוועקגעלייגט געוואָרן אין אַ ספּעציעלן אָרט, און עס אַוועקגעשאָנקען פאַר דעם אָרימאַן, וועלכער האָט זיך פשוט דערקוויקט דערמיט. ווען די רעביצין איז צוריקגעקומען פון דער גאַס און געזעהן וואָס דאָ איז פאַרגעקומען, האָט זי געפרעגט איר הייליגן מאַן רבי דוד'ל, פאַרוואָס ער האָט אַוועקגעגעבן די שמורה מצות אויף וועלכע ער האָט אַזוי שווער געהאָרעוועט, פאַר דעם אָרימאַן. האָט רבי דוד'ל איר געענטפערט:

מיר געפינען אין דער תורה דעם ענין פון 'שמורה מצות', אין פסוק (פרשתינו יב, יז) 'ושמרתם את המצות', וואָס די גמרא (פסחים לח:) דרש'ענט פון דעם, אַז אַז מ'דאַרף אָפּהיטן די מצות פון יעדן חשש חמץ. פון זעלבן פסוק, 'ושמרתם את המצות', לערנען אָבער חז"ל אויך (מכילתא, פ' בא) אַז 'מצוה הבאה לידך, אל תחמיצנה' - אַ מצוה וואָס קומט אונטער אין דיין האַנט, זאָלסטו עס נישט לאָזן 'זויער' ווערן, נאָר דו זאָלסט עס מקיים זיין תיכף ומיד. דעריבער האָב איך מקיים געווען די ווערטער פון מכילתא, און איך האָב נישט געלאָזט 'חמץ'דיג' ווערן די מצוה פון צדקה, נאָר איך האָב עס אַוועקגעשאָנקען פאַר דעם אָרימאַן...

צווישן זיך, אַז זיי וועלן אַלעמאָל טוהן חסד, איינער מיט'ן אַנדער'ן.

**דער** מענטש וואָס האָט רחמנות אויף אַנדערע, איז זוכה אַז מ'דערבאַרימט זיך אויף איהם פון הימל, ווי די גמרא זאָגט (שבת קנא.) 'כל המרחם על הבריות, מרחמין עליו מן השמים'[יח]. ממילא, איז דער מענטש וואָס נויטיגט זיך אין רחמים, האָט פאַר זיך אַן אָפענעם וועג, ער זאָל רחמנות האָבן אויף אַנדערע און דורך דעם ווערט נתעורר אויף איהם פון אויבן גאָר אַסאַך רחמים און חסדים.

**אַזוי** האָבן צדיקים געטייטשט ('תורת המגיד מזלאטשוב', 'תפארת שלמה', אבות, 'ילקוט עבודת ישראל', און 'קול אליהו') דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (יא, ב) 'דבר נא באזני העם וישאלו איש מאת רעהו ואשה מאת רעותה כלי כסף וכלי זהב'. בפשטות איז די כוונה, אַז אידן זאָלן באָרגן גאָלד און זילבער פון די מצריים. דאָס איז אָבער אַ וואונדער, ווייל צי דען זענען די מצריים געווען אַזעלכע 'גוטע פריינט' פון די אידן, אַז דער מצרי זאָל קענען אָנגערופן ווערן 'רעהו' - זיין פריינט? [ספּעציעל אַז אין דער גמרא געפינען מיר אַז פון דעם וואָרט 'רעהו', איז מען ממעט אַ גוי].

**האָבן** צדיקים געזאָגט, אַז די כוונה פו פּסוק איז, 'וישאלו איש מאת רעהו' - יעדער איינער זאָל באָרגן פון זיין חבר ('רעהו'), אַ צווייטן איד, גאָלד און זילבער. דורך דעם וואָס זיי וועלן זיך פירן מיט אַ גוט אויג און מיט רחמנות איינער כלפּי דעם אַנדערן, וועט נתעורר ווערן אין הימל אויף זיי רחמים, אַז אויך די מצריים זאָלן זיי באָרגן זייערע גאָלדענע און זילבערנע כלים.

**דער** באַשעפער זאָל העלפן, 'א-ל מוציאם ממצרים', וואָס ער האָט אַרויסגענומען אידישע קינדער פון מצרים, זאָל אויך אונז אַרויסנעמען און אונז ראַטעווען בזמן הזה[יט], פונקט ווי דעמאָלס, פון יעדן קלעם, מכל צרה ועקתא, און מיר זאָלן זוכה זיין צו די גאולת עולם בעגלא ובזמן קריב, ונאמר אמן.

---

**יח.** מיר געפינען ביי מכת בכורות, אַז די אידן האָבן געדאַרפט לייגן אַ צייכן אויף זייערע הייזער, און אויך זענען זיי אָנגעזאָגט געוואָרן, 'ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו עד בוקר'. דאָס איז דערפאַר, ווייל ווען דער משחית האָט רשות ח"ו מאַכט ער נישט קיין חילוק צווישן דעם צדיק און דעם רשע, און ממילא האָט געהערשט אַ סכנה אַז אויך די אידן זאָלן געשעדיגט ווערן חלילה, וועגן דעם האָבן זיי געדאַרפט האָבן אַ שמירה פון הימל.

האָט הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע געפרעגט, אויב אַזוי, פאַרוואָס זענען נישט אויסגעשטאָרבן אַלע מצריים - אויך די מצריים וואָס זענען נישט געווען בכורים, אויב דער משחית מאַכט נישט קיין חילוק אין צייט פון אַ סכנה?

האָט הרה"ק רבי שלמה'קע געענטפערט, אַז די מצריים האָבן געהאַט אַ גרויסן זכות, וויבאַלד זיי האָבן אַוועקגעבאָרגט זייערע גאָלדענע און זילבערנע כלים פאַר די אידן. אט דער זכות פון מוותר זיין אויפ'ן אייגענעם געלט, האָט זיי געהאָלפן געראַטעוועט ווערן פון דעם משחית.!

יא, אַפילו אַ רשע גמור אַזוי ווי די מצריים, קען געראַטעוועט ווערן פון אַ זיכערן טויט ווען ער טוט חסד און און איז מוותר פאַר אַ צווייטן!

**יט.** דער 'שפת אמת' שרייבט (בא, תרמ"ח) אַז דער אויבערשטער האָט אונז אויסגעלייזט פון מצרים, כדי דער סיפור יציאת מצרים זאָל זיין אנשטאט די יסורים וואָס אַ מענטש דאַרף חלילה אַריבערגיין, אַזוי ווי חז"ל זאָגן (מנחות קי:) 'כל העוסק בתורת עולה, כאילו הקריב עולה'. אַזוי איז אויך ביי די פרשיות פון יציאת מצרים, אַז דער וואָס איז עוסק דערין איז גלייך ווי ער איז אַליין געווען אין גלות און אויסגעלייזט געוואָרן.

דאָס איז אַ לימוד לדורות עולם, אויך פאַר אונז, אַז אויב מ'געפינט זיך אין אַן עת צרה ח"ו זאָל מען זיך מתבונן זיין אין די פרשיות פון ספר שמות, און ממילא וועט עס גערעכנט ווערן ווי מ'איז שוין אַריבערגעגאַנגען דעם גלות, און מ'ווערט פטור פון דעם צער און די צרה.

דאָס איז אויך דערפאַר, וויבאַלד די דאָזיגע פרשיות טוהען איינפלאַנצן אין אונזערע הערצער אמונה, און אמונה איז בכח זיס צו מאַכן דאָס לעבן פונעם מענטש אויף דער וועלט.